בעזרת השם יתברך



# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת שלח
כ"ח סיון
שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 3

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר; דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּת קֵיסָר וָואס הָאט זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן בֶּן מֶלֶךְ, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ בֶּן הַסּוֹחֵר אוּן הָאט אִיר גֶעוָואלְט נֶעמֶען פַאר אַ וַוייבּ, דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי וִויאַזוֹי זִי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן אִים מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. יֶעצְט דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער.

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִיבּוֹיאִיט פַּאלַאצִין אוֹיף דֶעם יַם. וָוארְן דָארְט אִיז אִים גִיפֶעלְן מַחֲמַת דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם אוּן מַחְמַת דִי שִׁיפִין גֵייעֶן דָארְטִין. אוּן דִי בַּת קֵיסָר אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. אוּן אִיז גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם פַּאלַיץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט אַ בְּלִיק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי דִי שִׁיף גֵייט אָן רִידִירְשׁ אוּן עֶס אִיז דָארְט קֵיין מֶענְשְׁן נִיט דָא הָאט עֶר גִימֵיינְט עֶר אִיז זִיךְ טוֹעֶה. הָאט עֶר גִיהֵייסִין זַיינֶע מֶענְשְׁן זֵיי זָאלְן קוּקִין הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן. אוּן זִי אִיז נָאהֶנְט גִיקוּמֶען צוּ דֶעם פַּאלַיץ. הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. וָואס טוֹיג אִיר דֶער פַּאלַיץ. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אוּן מֶהָאט זִי אוּם גִיקֶערְט קְרִיק. אוּן עֶר הָאט זִי גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין.

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין וַוייבּ וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט צוּ קְלוֹיבִּין. וָוארְן דִי וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אוּן אַזוֹי פַאר קֶערְט אוֹיךְ. וִוי דִי בַּת קֵיסָר אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל אִיר שְׁוֶוערִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט זִי נֶעמֶען כַּדִין. הָאט עֶר אִיר גִישְׁווּאוֹירְן.

דָא הָאט זִי זִיךְ וִוידֶער אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּנֶעם מֶלֶךְ מִיט חָכְמָה, כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין זַיינֶע הֶענְט. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַז אַ מֶענְטְשׁ קְרִיגְט זִיךְ מִיט אֵיינֶעם פָּנִים אֶל פָּנִים, אָפֶענֶערְהֵייט, אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דִי מִלְחָמָה, אָבֶער אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה אַקֶעגְן דֶעם שׂוֹנֵא מִיט חָכְמָה אִיז מֶען מֶער מַצְלִיחַ, יֶענֶער כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, וִוי דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעטוּן, זִי הָאט מִיטְגֶעשְׁפִּילְט מִיט אִים כְּאִילוּ זִי אִיז מַסְכִּים חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אִים, אוּן דֶערְוַוייל הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט מִיט חָכְמָה אוּן אִיז זִיךְ אַנְטְלָאפְן.

<<<

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען דָאס וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁלַח דַף קנח): וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן אַז עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי עֵצָה פוּן דִי מְרַגְּלִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין בְּרָכָה, "מָה עֲבַד כָּלֵב?" וָואס הָאט כָּלֵב גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה? "אִשְׁתְּמִיט מִנַּיְיהוּ, וְאָתֵי לְגַבֵּי קִבְרַיָּיא דַּאֲבָהָן, וְצַלֵּי תַּמָּן צְלוֹתֵיהּ", עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעכַאפְּט פוּן זֵיי, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים קַיין חֶבְרוֹן, מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְכַאפְּט צוּ קְרִיגְן אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ.

זָאגְט דֶער זוֹהַר וַוייטֶער: "אָמַר רִבִּי יְהוּדָה, אֹרַח אַחֲרָא נָטִיל, וְעָקִים שְׁבִילִין, וּמָטָא עַל קִבְרֵי דַּאֲבָהָן, וְאִסְתָּכַּן בְּגַרְמֵיהּ, דְּהָא כְּתִיב וְשָׁם אֲחִימַן שֵׁשַׁי וְתַלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק", וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז כָּלֵב אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ חֶבְרוֹן מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֵיינֶער אַלֵיין, בְּשַׁעַת עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְטְן דִי רִיזְן מֶענְטְשְׁן; עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: "אֲבָל מַאן דְּאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִּי", וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, "כַּךְ כָּלֵב, בְּגִין דַּהֲוָה בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִּי, וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן, לְאִשְׁתְּזָבָא מְעֵיטָא דָא", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵל זַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אַז דָארְט זֶענֶען דָא דִי בְּנֵי עֲנָק. דָאס זֶעלְבֶּע דַארְפְן מִיר טוּן וֶוען מִיר זֶעעֶן אַז מִיר זֶענֶען אִין אַ צָרָה, מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה - אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא תשע"ז)

האט זי אים גיזאָגט. אַז עס איז רעכט. אַז ער זאל ניט עפֶּענען איר שיף און זאל זי ניט אָן רירין. נאָר די שיף זאל אַזוי שטֵיין אויף דֶעם ים בּיז אין דער חתונה. כּדֵי אַלֶע זאלן זעהן דעמולט ווי פיל סחורה זי האט גיבראַכט. כּדֵי מזאל ניט זאגן. אַז ער האט גינומען. איין אשה פון דֶעם מארק. האט ער איר אַזוי צו גיזאגט.

און דער מֶלך האט גישריבּין צו אַלֶע מדינות אַז זיי זאלין אַלֶע קומֶען אויף דער חתונה. און האט אויס גיבויעט פּאַלאַצין פון איריט ווֶעגין. און זי האט גיהייסן אַז מזאל איר בּרענגען עלעף פאנים. אַז זיי זאלין מיט איר זיין. האט דער מֶלך גיהייסן. האט מען איר גישיקט עלעף פאנים זייער גרויסע שׂררות טעכטער. און מהאט אויס גיבויעט איטליכער איין פּאַליין אַ בּאזונדערין. און זי האט אויך גיהאט אַ בּאזונדערין פּאַליין. און זיי פלעגין זיך צו איר צום הויף קומען. פלעגין זיי שפּילין אויף כּלי שיר. און זיי האבּין זיך מיט איר גישפּילט.

אַמאל האט זי צו זיי גיזאגט. זי וויל מיט זיי גיין אויף דעם ים. זענען זיי מיט איר גינאַנגען האבּין זיי זיך דארט גישפּילט. האט זי צו זיי גיזאגט. זי וועט זיי מכבּד זיין מיט גוטין ווײַן וואס זי האט. האט זי זיי גיגעבּן פון דעם ווײַן וואס איז גיוועזן אין דער שיף. זענען זיי שיכּור גיוואָרען. און זענען אַנידער גיפאַלין און זענען גיבּליבּן ליגין. איז זי גינאַנגען און האט אויף גיבּונדן די שיף. און האט צו לאָזט די לייווינטן און איז אַנטלויפן גיוואָרין מיט דער שיף.

דאַ האט זי מצליח געווען מיט איר חכמה צו אַנטלויפן פונעם מלך, אָן זיך בּכלל האבן געקריגט מיט אים.

דאס איז זייער אַ וויכטיגע עצה צו ניצן אין לעבן, עס איז נישט גוט זיך צו קריגן פּנים אל פּנים, מען דארף אומגיין מיט חכמה און ווייזן כּאילו מען איז מיט יענעם, אזוי איז גרינגער די גאנצע זאך.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן אַפּאר ביישפּילן ווען מען קען ניצן דעם עצה וואס דער רבּי געבט אונז; אַ אינגערמאן ווערט מקורב צום היילינגן רבּי'ן, ער פּארט קיין אומאַן אויף ראש השנה וכדומה, קומט אַ ייִדע און זאגט צו אים: "איך דארף רעדן מיט דיר, איך וויל מאכן מיט דיר אַ מיטינג", אנשטאט אים ענטפערן: "ניין", שטעלט מען זיך אַהער כּאילו מען איז מסכּים, און מען שמועסט אַפּ אַ צייט וכו', ווען עס קומט למעשה ווערט מען פארנומען און מען קען נישט אנקומען..., מען ווערט נעלם. מען קריגט זיך נישט פּנים אל פּנים נאר מען ווערט נעלם מיט חכמה.

כּל שכּן אַז עס מאכט זיך אַז אַ גאנצע משפּחה נעמט זיך צוזאם "מען גייט מסדר זיין טאַטי", מען גייט מאכן אַ מיטינג וויאזוי זיך נוקם זיין אין די טאַטע, מאַמע, שווער, שוויגער וכדומה; זאג זיי נישט: "איך וויל נישט קומען", ווייל דעמאלט וועט מען מאכן די מיטינג אויף דיר, זאג זיי: "פיין, זייער גוט, לאמיר זען ווען וועט דאס זיין? וואו וועט דאס זיין? פיין אכט אזייגער אין יענעם פּלאַץ...", עס קומט אכט אזייגער לעש אויס דיין טעלעפאן און דיין ווייב'ס טעלעפאן, און בּלייב אינדערהיים, מארגן וועסטו זיי זאגן: "אוי, איך האב אינגאנצן פארגעסן, מיין טעלעפאן איז געווען אויסגעלאשן..." דאס איז דער וועג, מען שפּילט אַ שפּיל כּאילו מען איז מיט יענעם, און למעשה טוט מען דאס וואס מען האט בּוחר געווען.

די זעלבּע איז מיט די ווייב; די ווייב וויל איין זאך און דו ווילסט אַ צווייטע זאך, קריג זיך נישט, על פּי רוב איז דאס נאך אפילו נישט נוגע, עס איז אַ דבר שלא בּא לעולם; זי וויל אַ נייע קאך, דו וועסט סייווי נישט מאכן יעצט אַ נייע קאך, דו האסט דאך נישט די געלט, קודם זעץ זיך אַראפּ מיט איר און הייב אָן צו מאכן די פּלענער וויאזוי אויסצושטעלן דעם נייעם קאך...; די זעלבּע איז אַז דיין ווייב האלט נישט פון חתונה מאכן בּיליג, קריג זיך נישט מיט איר עס איז דאך סייווי נישט יעצט נוגע, דו האלסט נאכנישט בּיים חתונה מאכן, שמועס מיט איר אין וועלכע זאל זי וויל חתונה מאכן אין ראוז קעסל, אדער אין עטרת אברהם...; זי וויל נישט שיקן די קינדער אין בּרסלב, זאג איר לאמיר נאר שיקן אין קינדערגארטן, קינדערגארטן איז נאך גארנישט...

בּכלל איז גוט צו וויסן דעם כּלל, אַז 'מען דארף זיך נישט קריגן'; מען גייט צו דער שווער, דער שווער האט זיין רבּי און דו האסט דיין רבּי, דארפסטו נישט רעדן פון דיין רבּי, עס זענען דא גענוג צדיקים פון וואס ביידע זענען איינשטימיג; רעד פונעם בּעל שם טוב הקדוש און דער צאנזער רב, און פון רבּי רבּי אלימלך, פון זיי וועלן אַלע מסכּים זיין צו רעדן. די זעלבּע איז מיט חברים; דארף מען זיך נישט קריגן, רעד פון אַ נושא וואס בּיידע ווילן רעדן.

און דער מלך מיט זיינע לייט האבּין אַ קוק גיטאָן. און האבּן דער זעהן אַז די שיף איז ניט דאַ זענען זיי זייער

דער שראקן געווארן. האט דער מלך צו זיי געזאגט זעהט אז איר זאלט איר פלוצים ניט זאגן ווארין זי וועט גרויס צער האבין (ווארין דער מלך האט ניט געוואוסט אז זי אליין איז אנטלויפין געווארן ער האט געמיינט זי איז אין איר חדר) און זי וועט מיינען אז דער מלך האט איינעם אוועק געשענקט די שיף. נאר מען זאל שיקן איר איינע פון די פאנים מען זאל איר זאגן מיט חכמה. איז מען געגאנגען אין איין חדר און מען האט קיינעם ניט געפונען. אין אזוי אין אנדערן חדר האט מען אויך קיינעם ניט געפונען. און אזוי אין אלע עלעף חדרים האט מען אויך קיינעם ניט געפונען. האבן זיי זיך מישב געווען (דער מלך מיט זיינע לייט) אז זיי זאלין איר שיקן ביי נאכט איין אלטע שררתי. אז זי זאל איר זאגן. איז מען געקומען צו איר חדר האט מען אויך קיינעם ניט געפונען זענען זיי זייער דער שראקן געווארען.

דער ווייל די פעטיר פון די פאנים. האבן געזעהן זיי האבין קיין שום בריוו ניט פון זייערע טעכטער. זיי שיקן בריוו און מען שרייבט זיי גאר ניט אפ. האבין זיי זיך אויף געהויבין. און זענען אלע געפארין צו זיי. און האבין ניט געפונען איינעם פון זייערע טעכטער. זענען זיי זייער ברוגז געווארין. האבין זיי געוואלט דעם מלך פאר שיקין. ווארן זיי זענען געווען די שרי מלוכה. נאר זיי האבין זיך מיישב געווען. וואס איז דער מלך שולדיג אז עס זאל אים קומען פאר שיקין. דער מלך איז דאך איין אונס. איז געבליבן מען זאל אים אפ זאגין פון דער מלוכה און מען זאל אים פאר טרייבן. האט מען איהם מעביר געווען און מען האט אים פאר טריבן. איז ער זיך אוועק געגאנגען.

פון דא זעט מען: "אז א מענטש נעמט צו דאס וואס איז נישט זיינס, פארלירט ער דאס וואס ער האט שוין"; דער מלך האט איר צוגענומען אלס א ווייב, צום סוף האט ער פארלוירן די גאנצע קעניגרייך.

און די בת קיסר וואס זי איז אנטלויפין געווארין איז געגאנגען מיט דער שיף. דער נאך האבין זיך אויף געהאפט די פאנים. און האבין ווידער אן געהויבן מיט איר צו שפילן אזוי ווי פריר, ווארין זיי האבן ניט געוואוסט אז די שיף איז שוין אוועק געגאנגען פון דעם בארטין. נאך דעם האבין זיי איר געזאגט לאמיר זיך אום קערין אהיים. האט זי זיי געענטפערט. לאמיר נאך זאמין דא אביסל. דער נאך האט זיך אויף געהאפט א שטורעם ווינט. האבין זיי געזאגט לאמיר זיך אום קערין אהיים. האט זי זיי אויס געזאגט אז די שיף איז שוין לאנג אוועק געגאנגען פון דעם בארטין. האבין זיי זי געפרעגט נאך וואס האסטו דאס געטאן. האט זי געזאגט זי האט מורא געהאט טאמער וועט די שיף צו בראכין ווערין מחמת דעם שטורים ווינט איבער דעם האט זי געמוזט אזוי טאן זענען זיי געגאנגען אויף דעם ים. די בת קיסר מיט די עלעף פאנים. און פלעגין דארט שפילין אויף כלי זמר. און האבן באגעגנט א פאליץ. האבין די פאנים צו איר געזאגט לאמיר צו גיין צו דעם פאליץ האט זי ניט געוואלט. זי האט געזאגט זי האט דרויף אויך חרטה. וואס זי איז צו יענעם פאליץ צו געגאנגען (דהיינו פון דעם מלך הנ"ל).

דער נאך האבין זיי דער זעהן אזוי ווי איין קענפי אויף דעם ים. זענען זיי צו געגאנגען אהין. איז דארט געווען צוועלעף גזלנים האבין די גזלנים געוואלט זיי הארגענען. האט זי געפרעגט. ווער איז דער גרעסטער צווישן אייך. האט מען איר געוויזן. האט זי צו אים געזאגט. וואס איז אייער טאן האט ער איר געזאגט זיי זענען גזלנים. האט זי צו אים געזאגט מיר זענען אויך גזלנים נאר איר זענט גזלנים מיט אייער גבורה און מיר זענען גזלנים מיט חכמה ווארין מיר זענען געלערנט אין לשונות און שפילין אויף כלי שיר. בכן וואס וועט איר געווינען אז איר וועט אונז הארגענען בעסער נעמט אונז פאר ווייבער. און איר וועט האבן א גרויס עשירות אויך און האט זיי געוויזין וואס אין שיף איז געווען (ווארין די שיף איז דוך געווען פון דעם בן הסוחר מיט זייער גרויס עשירות) זענען די גזלנים מרוצה געווארין צו אירע רייד. האבין זיי די גזלנים אויך געוויזין זייער עשירות און האבין זיי אויס געפירט אין אלע זייערע ערטער. און עס איז געבליבן צווישן זיי. אז זיי זאלין זיך ניט נעמען אלע מיט איין מאל. נאר איינער נאך דעם אנדערין. און אז מען זאל אויס קלויבן איטליכן איין פאני אזוי ווי עס קער צו אים איטליכן נאך זיין גרויסקייט נאך.

נאכדעם האט זי צו זיי געזאגט אז זי וועט זיי מכבד זיין מיט זייער גוטין ווין וואס זי האט אין דער שיף וואס זי ניצט גאר דעם ווין ניט. נאר דער ווין איז ביי איר באהאלטין. ביז גאט וועט איר באשערין איר זיווג. האט זי זיי געגעבן דעם ווין אין צוועלעף בעכערס. און האט געהייסן. אז איטליכער זאל טרינקען צו אלע צוועלעף. האבן זיי געטרונקען און זענען שיכור געווארין. און זענען אנידער געפאלין. האט זי זיך אן גערופין צו די איבריקע

פַּאנִים הַיינְט גֵייט אוּן קוֹילִיט אִטְלִיכֶע אִיר מַאן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין זֵיי אַלֶע אוֹיס גִיקוֹילִיט. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת וָואס עֶס גִיפִינְט זִיךְ נִיט בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין נִיט נֶעמֶען קֵין קוּפֶּער אוּן קֵיין זִילְבֶּער נָאר גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן הָאבִּין אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פוּן דֶער שִׁיף זַאכִין וָואס זֶענֶען נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. אוּן הָאבִּין אָן גִילָאדִין גָאר דִי שִׁיף מִיט טַייעֶרֶע זַאכִין מִיט גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיפוּנֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ. זֵיי זָאלִין שׁוֹין נִיט גֵיין אָן גִיטָאן וִוי וַוייבֶּער אוּן הָאבִּין זִיךְ גִינֵייט מַאנְצְבִּילְשֶׁע קְלֵיידֶער דַייטְשׁ אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין דֶעם עִנְיָן פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'; אַ אִינְגֶערְמַאן וִויל אַז זַיין וַוייבּ זָאל זַיין דִי זֶעלְבֶּע פוּן אִים, אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶעט עֶר אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין אַ הֵייסֶע, זִי אִיז אַ קַאלְטֶע, אֵיינֶער אִיז אַ טְרִיקֶענֶע, אֵיינֶער אִיז אַ נַאסֶע, אֵיינֶער טְרַאכְט קְלוּג מִיט חָכְמוֹת וְכַדוֹ', אוּן דֶער צְוֵוייטֶער טְרַאכְט פָּשׁוּט; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ') אַז צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע אִיז נִישְׁט קַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת', נָאר אַז מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן אַז עֶס זָאל וֶוערְן דֶערְפוּן אֵיינְס - דָאס אִיז 'שָׁלוֹם'. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זֹהַר וַיִּקְרָא דַף י"ב:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיּוֹב כה, ב) עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם בַּיי דִי מַלְאָכִים, אֵיין מַלְאָךְ אִיז פוּן פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז פוּן וַואסֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי.

אַז דִי וַוייבּ וִויל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, מֶען קֶען זָאגְן אָפֶּענֶערְהֵייט "אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן", אָבֶּער עֶס אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען גֵייט מִיט חָכְמָה, זָאג אִיר: "זָאלְסְט וִויסְן אַז קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען מִיר נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, זָאל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וֶועל אִיךְ נָאכְאַלֶץ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, חוּץ דוּ, דוּ קֶענְסְט מִיר מַאכְן נִישְׁט פָארְן, אַז דוּ זָאגְסְט נֵיין - פָאר אִיךְ נִישְׁט", וֶועט דִי וַוייבּ זָאגְן: "דוּ קֶענְסְט פָארְן", וַוייל אַז דִי וַוייבּ פִילְט אַז זִי אִיז דִי בַּעַל הַבַּיִת, דוּ רֶעכְנְסְט זִיךְ מִיט אִיר, אִיז אִיר גוּט אוּן זִי וֶועט וֶועלְן מִיטְגֵיין מִיט דִיר.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מִיר מַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט פָארְן, נָאר דוּ דַארְפְסְט עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן", הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: "פֵיין, אִיךְ וֶועל מֶעלְדְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן", הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיף אַ נְסִיעָה צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים א' סְלִיחוֹת, פְרֶעגְט עֶר מִיר: "וואוּ וֶועסְטוּ זַיין?", זָאג אִיךְ אִים: "אִין מֶעזִיבּוּזְשׁ, בַּארְדִיטְשׁוּב, אוּמַאן וְכוּ', "אוּן וֶוען קוּמְסְטוּ צוּרִיק"? הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "אָדֶער בֶּעפָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וֶועל זֶען וִויאַזוֹי עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי בֶּעסְטֶע", "אוּן אוֹיבּ דוּ בְּלַייבְּסְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וואוּ וֶועסְטוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה?" הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל זֶען וואוּ עֶס וֶועט זַיין גוּט צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אִין מֶעזִיבּוּזְשׁ אָדֶער אוּמַאן - אַז מֶען רֶעדְט אַזוֹי מִיט חָכְמָה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַנְדֶערְשׁ, וִוי אַז מֶען זָאגְט אָפְן "אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן". עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט שְׁרַייבְּן אַ קְוִויטְל פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה פְרֶעגְט מִיר מַיין שְׁוֶוער וואוּ בִּיסְטוּ לְמַעֲשֶׂה גֶעוֶוען? זָאג אִיךְ "אִין אוּמַאן, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי בֶּעסְטֶע צוּגֶעשְׁטֶעלְט". אַז מֶען גֵייט מִיט חָכְמָה מֶען וַוייזְט אַז מֶען אִיז מִיט יֶענֶעם אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט, אָנְפַאנְג וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין אַ זַאל (הַיינְט שְׁטֵייט שׁוֹין מֶער נִישְׁט דֶער זַאל), הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רָב אִין שְׁטָאט וָואס אִיז מַסְכִּים צוּ גֶעבְן זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר דִי יְשִׁיבָה בִּתְנַאי אַז דִי יְשִׁיבָה זָאל זַיין אוֹיף זַיין נָאמֶען, אוּן מֶען וֶועט וַוארְטְן אוֹיף אִים בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וְכוּ', זֶענֶען מִיר אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים פַארְהַאנְדְלֶען אִיבֶּער אָפְּדִינְגֶען זַיין בַּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר דִי יְשִׁיבָה, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים פְרֶעגְט עֶר מִיר אַז עֶר הֶערְט אַז אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲנוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיף מִיר אִיז אַז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מִיר שְׁטֶעל אִיךְ זִיךְ אַהֶער כְּאִילוּ אִיךְ בִּין מַסְכִּים צוּ יֶענֶעם, אוּן אִיךְ בִּין מִיט יֶענֶעם אוֹיף אֵיין גַאנְג, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טוּ אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, וִויל עֶר וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת? הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַזַא תְּנִיעָה כְּאִילוּ אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דֶערְפוּן...; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן, דוּ הַאלְט וָואס דוּ הַאלְטְסְט, אוּן אִיךְ וֶועל טוּן וִויאַזוֹי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב' מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר - חֵלֶק ג'

פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא תש"פ לפ"ק)